מכון הליכות החיים

בס"ד ע"י

הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א

מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

ראה־שופטים | שנת תשפ"ו לפ"ק | גליון תק"ח

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**גליון זה נתנדב**

הגליון נתנדב ע"י ידידנו ותומכנו היקה, הנדיב הנכבד שי'

לזכרו הטהור ולזכותו הקדוש של עמוד צלותהון דישראל ומלהיב לבבם לאביהם שבשמים

**כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי הערשלע מספינקא זצוק"ל**

הגה"ק רבי **שמואל צבי** בן הגה"צ ר' **אברהם אביש** זצ"ל

אשר עלה בסערה השמימה ונפשו יצאה בדברו מילין קדישין לצד עילאה בקול חוצב

להבות אש בעריכת שולחנו הטהור בליל **שב"ק ראה תשנ"ז** בבית מדרשו

לרגל יומא דהילולא ביום **ז"ך מנחם אב**

זכותו הגדול והקדוש יגן בעד הנדבן החשוב ומשפחתו שי' ובעד כל ישראל

## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (סב)

### א שכן וואס באצאלט נישט

**שאלה: איך האב שכנים וועלכע זענען נישט אזעלכע מסודר'דיגע מענטשן, און ווען מען קומט פון זיי בארגן עפעס, א מילך, א סעלצער, א.ד.ג., קומט עס רוב מאל נישט צוריק. איך האב אפגעמאכט ביי מיר אז פון היינט און ווייטער וועט מען זיי "געבן", נישט פארבארגן, אז עס זאל נישט זיין קיין חיוב צוריקצוגעבן. לעצטנס האט זיך געמאכט דא און דארט אז זיי האבן יא אפגעצאלט. צי מעג איך עס נעמען פון זיי נאכדעם וואס איך האב עס שוין מוחל געווען, אדער עס הייסט ווי איך האב עס געגעבן א מתנה גמורה און איך דארף זיי מודיע זיין אז מען האט עס מוחל געווען?**

**תשובה:** אויב מען האט נאר געטראכט ביי זיך אין הארצן אז מען איז עס מוחל קען מען עס נעמען, אבער אויב מען איז ארויסגעזאגט קלאר אז מען איז עס מוחל, דארף מען זאגן פאר יענעם אז מען האט עס שוין מוחל געווען און אויב מען וויל קען מען עס אפצאלן.

די ריכטיגע עצה איז אין אזא פאל אינזין צו האבן אויף להבא אז מען גיט עס יענעם במתנה נאר בתנאי אז ער וועט עס נישט אפצאלן, און אויב ער וועט עס אפצאלן פארבארגט מען עס אים און עס זאל נישט זיין קיין מתנה.[1]

(אגב, איז ריכטיג ווען מען בארגט עפעס פון א שכן אז מען זאל עס אראפשרייבן כדי מען זאל נישט פארגעסן אז מען האט געבארגט, און אויב עס מאכט זיך אז מען בארגט שבת זאל מען עס אראפשרייבן מוצאי שבת.)

### דאווענען מנחה נאכ'ן מקבל שבת זיין

**אין פריערדיגן גליון האט מען געשריבן הלכות פון מקבל שבת זיין פריער. אין דעם פלאץ וואו איך וואוין דאווענט מען מעריב פרייטאג צו-נאכטס ווען עס איז שוין נאכט. איך פיר זיך מקבל שבת צו זיין א דריי-פערטל שעה פאר'ן זמן הדלקת**

⮜

**הגה"צ ר' משה וואלפסאן זצ"ל: "דאס וואס איך האב קונה געווען איז געקומען פון די יארן וואס איך האב געארבעט אין מאנהעטן!"**

לכבוד מכון הליכות החיים,

איך האב די זכי' שוין זינט די תש"מ-יארן צו דאווענען אין בית המדרש "אמונת ישראל" אויף 16'סטער גאס אין בארא פארק. איך בין געווען מקושר צום מייסד און מנהיג הקהילה, הגאון הצדיק רבי משה וואלפסאן זצ"ל, און כ'האב זוכה געווען צו שעפן תורה און הדרכה פון זיין שפרודלדיגן קוואל אויף טריט און שריט אין לעבן.

לייענענדיג אין "הליכות החיים" וועגן זהירות אין שמירת עינים, האט עס מיר דערמאנט אין א שמועס וואס איך האב געהאט מיט'ן משגיח עטליכע און דרייסיג יאר צוריק. געווען איז דאס ווען איך האב צוליב א וויכטיגן צוועק געמוזט אנקומען אויף א פלאץ וואו עס איז געווען שווער מיט שמירת עינים, און איך בין געגאנגען זיך דורכרעדן און שואל עצה זיין דערין מיט מורי ורבי הגה"צ רבי משה זצ"ל.

הערנדיג מיין פראגע, האט רבי משה זיך אנגערופן צו מיר און געזאגט: "הער מיר אויס! 'לב יודע מרת נפשו'. דאס וואס השי"ת האט מיר געגעבן די זכי' קונה צו זיין, דאס איז געווען נישט פון די יארן וואס איך בין געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, כאטש - גלייב מיר - איך האב אוודאי ליב צו לערנען, נאר עס איז געקומען פון די יארן וואס איך האב געארבעט אין מאנהעטן!"

רבי משה האט מיר דערציילט פון זיינע יונגערע יארן, ווען ער איז צוערשט געווען א דרדקי-מלמד און געלערנט תורה מיט די יונגערע קינדער אין "תורה ודעת". ער האט געטון זיין הייליגע ארבעט מיט שמחה און חשק - א קלייניגקייט, לערנען דעם אויבערשטנ'ס תורה מיט אידישע קינדער! אזוי האט דאס אנגעהאלטן אין משך פון עטליכע יארן, ביז ער

1. כמבואר בחו"מ (סימן יב) וברמ"א דמחילה אינה צריכה קנין ואינו יכול לחזור בו. ודווקא אם אמר בפני אחד או בינו לבין עצמו שמוחל החוב, אבל מחילה

אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור

מדור זה נתנדב
ע"י ידידנו הנדיב הנכבד מתומכי מכון
הליכות החיים במסירת נאמנה
לרגל ההילולא קדישא
של כ"ק הרה"ק מבעלזא זצוק"ל
ביום כ"א אב
זכותו הגדול והקדוש יעמוד בעד הנדבן
החשוב ובעד כל משפחתו

**נרות - איך זאג אז איך בין מקבל שבת און מען טוט מער נישט קיין מלאכות ביי מיר אין שטוב, נאר מען ווארט אפ דעם שבת מיט א רואיגקייט. עס איז ביי מיר די אנגענעמסטע שעה אין דער וואך!**

**מיין שאלה איז, צי איז עס גלייך מקבל שבת צו זיין פרי אויב מען וועט נאך דאווענען מנחה שפעטער פאר'ן דאווענען קבלת שבת אין שוהל?**

**תשובה:** מען קען מקבל שבת זיין און דאווענען מנחה שפעטער, נאר מען זאל אינזין האבן אז מען איז מקבל נאר "תוספת שבת", ד.ה. נישט צו טון קיין מלאכה, אבער נישט די עצם קדושת שבת, און אזוי איז מען זוכה צו די סגולות פון מקבל שבת זיין פרי און מען טאר מער נישט טון קיין מלאכה, אבער מען קען נאך דאווענען נאכדעם מנחה.[2]

## זאגן תהילים נאכ'ן ליכט-צינדן

**שאלה: ביי מיר אין שטוב זאגט מען יעדע וואך תהילים מיט די קינדער ערב שבת נאך ליכט-צינדן פאר דער הצלחה פון אונזערע דורות אין תורה און יראת שמים. איך וויל פרעגן, צי איז עס ריכטיג אז א פרוי זאל זאגן תהילים נאכ'ן מקבל שבת זיין, אדער עס הייסט ווי עס איז שוין נאכט ביי איר, און ביינאכט זאגט מען נישט קיין תהילים?**

**תשובה:** מען קען זאגן תהילים אויך נאכ'ן צינדן און מקבל שבת זיין.[3]

## קויפן נישט-כשר'ס פאר גויאישע ארבעטער

**שאלה: איך האב עטליכע גויאישע ארבעטער און איך באשטעל פאר זיי יעדן טאג מיטאג. צי מעג איך באשטעלן פאר זיי טריפה'נע עסן, אדער זיי זאגן אז זיי זאלן עס אליין באשטעלן און איך וועל עס באצאלן?**

**תשובה:** עס איז א מחלוקת הפוסקים צי עס איז מותר, דערפאר איז ריכטיג מחמיר צו זיין נישט צו באשטעלן קיין טריפה'נע עסן פאר די ארבעטער, אבער מען מעג

בלב אינה מחילה אלא במוחל לעני בתורת צדקה. ויש אומרים דאם ניכרת מחשבתו לכל הוי מחילה (עיין בספרנו "ממונם של ישראל" חלק א' פרק ה').

2. יכול לקבל שבת בפירוש אף שעדיין לא התפלל מנחה, אם מקבל עליו רק תוספת שבת, דהוא פרישה ממלאכה ולא עיצומו של יום, ומקיים בזה גם מצוות תוספת שבת, ועיין בזה בשו"ת "תשובות והנהגות" (חלק ג' סימן פג), ועי' "נשמת שבת" (סימן שמ). וב"שלחן השבת" (הלכות הדלקת הנרות סימן ז').

3. כמבואר בדיני מעריב (סימן רל"ח) בבאר היטב ובשער הציון אות א' לעניין לימוד מקרא בלילה. ולעניין אמירת תהילים, מנהגנו להחמיר עד חצות, ויש מתירים באמירת תהילים כיוון שקבע הקדוש ברוך הוא שיהא נחשב כנגעים ואהלות. וכן יש מקילים בליל שבת, וכל שכן בשעה שעדיין הוא יום שאין להחמיר (עיין שו"ת "בצל החכמה" חלק ד').

האט אנגעהויבן ליידן אויף די שטים-בענדער און איז געווארן הייזעריג. ער האט מער נישט געקענט לערנען מיט די צאן קדשים און האט זיך אפגעזאגט פונעם מלומדות-פאסטן.

"פרנסה האב איך ווייטער געדארפט ברענגען," האט רבי משה מיר דערציילט, "בין איך געגאנגען ארבעטן אויף 47-סטריט אין מאנהעטן מיט זייגערס. דו ווייסט דאך - זאגט ר' משה מיט א שמייכל - אז דאס האב איך געטון יארן לאנג; עס זענען שוין טאקע אריבער אסאך יארן, אבער איך קען גוט דעם פאך צו פאררעכטן זייגערס. יעדן טאג בין איך געפארן מיט דער באן צו דער ארבעט. אויב דאס איז דער רצון ה', איז מען דאס מקיים - און בשמחה! אזוי האב איך געטון טאג נאך טאג, בעטנדיג ביים אויבערשטן אז ער זאל מיר נאכאמאל שענקען די זכי' צו קענען לערנען תורה מיט אידישע קינדער.

"פארן מיט דער באן צו דער ארבעט איז א מקום נסיון. אוודאי דארף א מענטש זיך נישט זוכן קיין נסיונות, און דאס בעטן מיר יעדן אינדערפרי ביים דאווענען 'ואל תביאנו לא לידי נסיון'; אבער אויב השי"ת לייגט אריין איינעם אין א נסיון, דארף מען זיך נישט דערשרעקן, נאר מען דארף וויסן אז דאס איז יעצט א פלאץ און א צייט וואס מען קען שטייגן אין עבודת השי"ת. **דאס ביסל וואס איך האב קונה געווען - האט רבי משה מיר אנטפלעקט - איז פון יענע צייטן; פון דעם התגברות וואס איך האב געהאט יענע מינוטן אויף דער באן צו האבן שמירת עינים.**

"דערפאר," האט רבי משה אויסגעפירט, "אז דו טרעפסט זיך אויך אין אזא מצב, וואס עס פעלט אויס אז דו זאלסט זיין אין א פלאץ וואס דאס שמירת עינים דארט איז שווערער, דארפסטו זיך נישט שרעקן, נאר וויסן ביי זיך אז דו האסט די כוחות און וועסט בעז"ה בייקומען די נסיונות."

עס איז מערקווירדיג צוצוגעבן, אז די תפילות פונעם משגיח האבן געהאלפן, און נאך צוויי יאר צייט ארבעטן אויף 47-סטריט, האט מען אים גערופן פון "תורה ודעת" זאגן אז עס איז דא פאר אים אן ארבעט-שטעלע ארויסצוהעלפן אין די מוסדות מיט אויפגאבעס וואס פארלאנגען נישט צו ניצן די שטימע. רבי משה האט זיך צוגעכאפט נישט צו דארפן פארן מיט דער באן, און שפעטער איז די שטימע זיינע אויך בעסער געווארן. יענע תקופה האט מען געזוכט א משגיח, און הגאון רבי יעקב קאמינעצקי זצ"ל, וועלכער האט אנערקענט רבי משה'ס גרויסקייט און צדקות און די כוחות וואס ער

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת על קבר רבי מאיר בעל הנס
כינת צדקת צדיקי הדורות
קטע ממכתב קודש
מאת הרה"ק מסאטמאר זצוק"ל
יומא דהילולא כ"ו אב
...כאשר זכיתי בעזה"י לבקר ארצנו הק' ת"ו...
הראו לי ממוני כולל גאליציע את אשר נעשה....
אשר לדעתי אין לך צדקה גדולה מזו לתמכם ולסעדם, ואשרי המשתדל בעבורם.
עמוד הצדקה והחסד באה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

## מדור זה נתנדב

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד
לרגל ההילולא קדישא
**של כ"ק הרה"ק מסאטמאר זצוק"ל**
ביום כ"ו אב

זכותו הגדול והקדוש יעמוד בעד הנדבן
החשוב ובעד כל משפחתו

זיי זאגן, "כ'גיב דיר אזויפיל און אזויפיל געלט צו קויפן עסן", אפילו אויב זיי וועלן זיך קויפן דערמיט טריפה'נע עסן.[4]

## מאכן קנייטשן אין ספרים

**שאלה: עס קומט מיר אויס צו געבן עטליכע שיעורים א וואך, און די עיקר צייט ווען איך גרייט מיר אן די שיעורים איז דורכאויס דעם שבת. צי מעג איך מאכן א קנייטש אדער אריינלייגן א קלעבל-צעטל ("סטיקי נאוטס") אין א ספר וואו איך טרעף א שיין ווארט צו קענען איבערזאגן, אדער עס הייסט ווי איך גרייט אן שבת אויף נאך שבת?**

**תשובה:** מען זאל נישט ארייננקלעבן קיין צעטל א.ד.ג., צוליב א שאלה פון "תופר" (נייען) וויבאלד מען לאזט עס אסאך מאל דארט איבער א לאנגע צייט, אבער א קנייטש מעג מען מאכן און אזוי אויך קען מען ארייגלייגן א קליפ, נעפקין, א.ד.ג., און עס איז נישט אסור צוליב הכנה וויבאלד עס איז לצורך מצוה.[5]

## בעטן עלטערן צו טון טובות

**שאלה: ווען מען זיצט ביים-שבת טיש און מען וויל א געטראנק א.ד.ג. וואס ליגט ביים אנדערן עק טיש, און דער טאטע אדער מאמע זיצט דערנעבן, מעג מען זיי מטריח זיין און בעטן עס צו דערלאנגען?**

**תשובה:** אויב זיי זענען גערן מסכים עס צו טון מעג מען זיי בעטן, אבער אויב עס איז א טירחא אדער מען זעט אז עס איז זיי נישט צום הארצן עס צו טון, טאר מען עס נישט בעטן.

באזונדערס דארף מען זיין געווארנט, נישט צו בעטן פון די עלטערן צו טון עפעס וואס קען זיכער זיין פאר זיי א טירחא, צ.ב.ש. מען פארט אוועק און מען בעט אז זיי זאלן אכטונג געבן אויף קלענערע קינדער און מען ווייסט אז עס קומט זיי אן שווער נאר זיי פילן שלעכט אפצוזאגן; און נאר אויב מען ווייסט זיכער אז זיי האבן הנאה דאס צו טון מעג מען זיי בעטן.[6]

## טרינקען קאווע בשעת'ן דאווענען

**שאלה: עס מאכט זיך ביי מיר אז איך האב נישט געהעריג קיין צייט צו טרינקען א קאווע פאר'ן דאווענען, און איך ברענג עס מיט צום דאווענען און טרינק דערפון בשעת'ן זאגן קרבנות. צי איז עס אויסגעהאלטן אזוי צו טון?**

**תשובה:** מען זעט אין שולחן ערוך הלכות תפלה אז דאס דאווענען דארף זיין מיט א כובד ראש (ערנסטקייט) און נישט מיט קיין לייכטקייט. מען האט מתיר געווען

4. כמבואר בסימן קי"ז, דמאכלים שהם רק איסורי דרבנן – לכולי עלמא מותר לקנותם להאכילם לפועלים. אבל במאכלי טריפות דאורייתא, דעת הרמ"א שאסור לקנותם, דהוה ליה כסחורה, כיוון שמאכלים אלו מצויים לו בזול יותר. ודעת הש"ך (ס"ק י') שמותר. ובחכמת אדם כתב שהמנהג להקל בזה. ובשו"ת מהר"ם שיק (סימן קלו) כתב **שירא שמים יחוש לדעת האוסרים.**

5. **ולעשות רושם בציפורן - אסור**, כמבואר בסימן ש"מ סעיף ה', שרק בקלף הקשה מותר כיוון שאינו מתקיים כלל, אבל בנייר אסור משום שהוא מתקיים; עיין שלחן השבת, מלאכת כותב ומוחק, סימן א'. ולהניח נעפקין או קליפ שרי, ואין בזה משום הכנה, דהוא לצורך מצווה ואינו ניכר שהוא לצורך החול. ולדבק סטיקי נאוטס, אף שיש מקום להקל, עיין שו"ת נשמת שבת על סימן ש"מ סימן ר"ו, מכל מקום לכתחילה יש להחמיר שמא יניחם שם דרך קבע, ועוד.

6. ע"פ שו"ת תורה לשמה סי' רסח.

ברכת מזל טוב אשגר בזה אל מול בני החשוב מסור בלב ונפש לכל פעולות מכון הליכות החיים לזכות הרבים ה"ה **הרב שלום חיים שליט"א** לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בנו החתן המצויין בתוי"ש **יעקב גרשון** עב"ג בת **מו"ה משה ישראל ראטשילד הי"ו**

**זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו לרוות רוב**
**נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא**

האט פארמאגט אין זיך, האט פארארבעט אז מען זאל אים אויפנעמען אויף דעם פאסטן.

רבי משה האט אנגעפרעגט דערוועגן ביי כ"ק מרן אדמו"ר מסקווירא זצ"ל, און דער רבי ז"ל האט אים גאר שטארק צוגעשטופט אז ער זאל אננעמען די שטעלע. ווען רבי משה האט געזאגט מיט זיין גרויס עניוות אז ער שפירט ביי זיך אז ער איז נישט ראוי דערצו, האט דער רבי ז"ל אים געזאגט אז טאקע אזא איינער וואס האלט אזוי ביי זיך איז ראוי פאר דער שטעלע! רבי משה האט אנגענומען דעם פאסטן, און די שטימע וואס איז עטליכע יאר געווען פארשטילט, איז געווארן א "קול גדול ולא יסף" און האט אנגעהויבן לאזן הערן תורה פאר אידן כמעיין המתגבר. אין היכל עלטער פון די ניין-און-ניינציג יאר, האט ער נאך געדרשנט ביי שלש סעודות פאר פינף הונדערט אידן שומעי לקחו!

שמירת עינים איז קיינמאל נישט לייכט, און יעצט אין די זומער-וואכן איז עס אסאך שווערער. מיר דארפן האלטן דעם קאפ קלאר און געדענקען אז מען דארף טון אלעס וואס מעגליך זיך נישט צו ברענגען צו קיין איבעריגע נסיונות, אבער ווען איינער האט נישט קיין ברירה און איז אויף א מקום נסיון, טאר ער נישט פארלוירן ווערן, נאר ער דארף זיך שטארקן און ווייסן אז דאס איז יעצט דער רצון ה', און ווען מען איז זיך מתגבר אויף די נסיונות פון אזא דור ווי היינט, מאכט דאס א גרויס נחת רוח פאר השי"ת אין הימל. עלטערן פון ספעציעלע קינדער זענען געהויבענע אידן.

*ידידכם יעקב וויינבערגער,*
*מתפלל ביהמ"ד אמונת ישראל*

## די ברכה פון מעשר'ן עריך

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

יישר כוחכם פאר דעם חשוב'ן גליון מלא וגדוש בתורה ויראה וואס איז אן עונג רוחני, "בכל פעם מוצא בה טעם מחדש". תחזקנה ידיכם!

א שטיק צייט צוריק איז געשטאנען אינעם גליון א מעשה פון א איד וואס האט זיך געמוטשעט מיט געלט און זיין קרוב האט אים געגעבן געלט אז ער זאל אראפנעמען דערפון מעשר, און תיכף-ומיד איז ער געהאלפן געווארן און האט גאר שיין פארדינט.

דאס האט מיר דערמאנט אין א מעשה וואס איך האב אליין געהאט אמאל יארן צוריק. איך האט דעמאלט געשריבן אינעם גליון אז ווען מען

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד
לרגל ההילולא קדישא
**של כ"ק הרה"ק מטאהש זצוק"ל**
**ביום ז"ך אב**
זכותו הגדול והקדוש יעמוד בעד הנדבן
החשוב ובעד כל משפחתו
ולעילוי נשמת הרה"ח ר' **יושע**
**חיים** בן ר' **שמואל** ז"ל

צו טרינקען קאווע פאר'ן דאווענען כדי צו האבן מער כוח צום דאווענען, אבער נישט אויף אן אופן וואס עס נעמט אוועק פונעם ערנסטקייט, ווי צ.ב.ש. טרינקען אינמיטן זאגן קרבנות צווישן איין שטיקל און אנדערן. דערפאר איז אוודאי נישט ריכטיג אזוי צו טון[7] (אויסער אן עלטערער אדער שוואכער מענטש וואס האט נישט קיין כוח און דארף טרינקען אינמיטן דאווענען).

אויב מען הייבט אן זאגן קרבנות און מען דארף טרינקען, זאל מען ערשט צוענדיגן קרבנות און דערנאך גיין טרינקען א קאווע.

עס איז כדאי צוצוגעבן וואס עס ווערט געברענגט אין "בית אהרן" פון הרה"ק רבי אהרן קארלינער זי"ע, און אזוי אויך אין "תפלה לדוד" פון בוטשאטשער רב זי"ע, אז מען זאל זען נישט מפסיק צו זיין פון אנהייב קרבנות ביז נאך "איזהו מקומן".[8]

## ארויסנעמען "ברעיסעס" פאר'ן זיך טובל'ען צופרי

**שאלה: איינער וואס האט "ברעיסעס" אין די ציינער וואס בלייבט אין מויל א גאנצן טאג און מען נעמט עס ארויס נאר פאר'ן עסן, דארף מען עס ארויסנעמען ווען מען טובל'ט זיך צופרי פאר שחרית?**

**תשובה:** ביי א טבילה וואס מען טובל'ט זיך צופרי פאר'ן דאווענען, הייסט עס נישט קיין "חציצה" און מען דארף עס נישט ארויסנעמען.[9]

## אראפשלינגען בלוט פון מויל

**שאלה: עס מאכט זיך אסאך מאל ביי מיר אז עס קומט ארויס בלוט אין מויל צווישן די ציינער אד"ג. צי איז דא אן איסור פון עסן בלוט ווען מען שלינגט עס אראפ בשעת'ן עסן אדער טרינקען?**

**תשובה:** עס איז נישטא קיין איסור און מען מעג געהעריג עסן און טרינקען, וויבאלד דאס בלוט איז נאכנישט געווען ארויס פון מויל, אבער אויב דאס עסן איז געווארן בלוטיג און מען האט עס ארויסגענומען פון מויל טאר מען עס נישט עסן.[10]

נעמט אראפ מעשר געהעריג מיט א פינקטליכן חשבון ברענגט דאס א ברכה. איך האב דעמאלט געהאט שוועריגקייטן מיט פרנסה און איך האב געזאגט אין שטוב אז מיר וועלן אנהייבן זיין מער געווארנט אראפצונעמען מעשר און דאס וועט אונז ברענגען א שפע. שטעלט זיך אבער א קשיא, הכיצד? ווי אזוי קענען מיר דאס באווייזן, ווען מיר האבן קוים אויף צום לעבן? איך האב אבער געזאגט אז מיר דארפן בלויז אריינלייגן די "אינגרידיענטן" מיר האבן זיך אבער געשטארקט וויסנדיג אז עס איז א גוטע "אינוועסטמענט" און מיר וועלן זיכער שיין פארדינען דערפון.

יענע וואך האבן מיר אראפגענומען מעשר פון דעם קארגן טשעק וואס מיין פרוי האט אהיימגעברענגט פון איר ארבעט. באלד דערנאך האבן מיר געזען אן אפענע און גרויסע ישועה. עס האט זיך אנטוויקלט ביי מיר א נייע געשעפט וואס האט מיר אנגעהויבן ברענגען פרנסה בשפע, און דאס גייט ווייטער אן ב"ה עד היום הזה מיט הצלחה.

*תחזקנה ידיכם, י.ל. מאנסי*

## *הרה"ק ר' הערשעלע זצוק"ל: "אזעלכע געהויבענע עלטערן דארף מען אפגעבן כבוד!"*

לכבוד מכון הליכות החיים,

פאלגנד איז א מעשה פון הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זצוק"ל (יומא דהילולא ז"ך אב) וואס איך האב געהערט איש מפי איש ביז'ן ערשטן מקור. אמאל איז אריינגעקומען א פארפאלק זיך פראווען ביי אים און זיי האבן אים דערציילט אז עס איז זיי געבוירן געווארן א נישט-געזונט קינד ל"ע. רבי הערשעלע האט זיי שטארק מחזק געווען און זיי זענען ארויס פון אים געשטארקטע.

ווען זיי זענען שוין געשטאנען ביי דער טיר, האט רבי הערשעלע זיך אויפגעשטעלט און זיי ארויסבאגלייטן פון שטוב, לאזנדיג ווארטן די אנדערע אידן וואס האבן געווארט זיך צו פראווען. דאס איז געווען ביי אלעמען א וואונדער, האט רבי הערשעלע זיי ערקלערט, אז מען דערציילט אויפ'ן "חזון איש" זי"ע אז ער פלעגט זיך אויפשטעלן פאר די ספעציעלע קינדער, זאגנדיג אז זיי זענען הויכע נשמות. אויב אזוי זענען די עלטערן, וועמען עס זענען געגעבן געווארן די הויכע נשמות, אוודאי גאר-

7. וראה בזה ב**הדרכות ישרות** (שיחות והדרכות מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א) בשם הרה"ק המגיד הגדול ממעזריטש זצוקללה"ה (לקוטים יקרים) שחלק התפלה שלפני הודו נקרא מפתחות החיצוניות , שהוא תחלת וראשית העבודה, ולפי זה אם יחסר לו מפתחות החיצונות, הרי לא די שחסר לו חלק זה של התפלה , רק אי אפשר לו להגיע גם לשאר חלקי התפלה, וממילא צריך גם חלק זה של התפלה להיות בכובד ראש באימה וביראה ובישוב הדעת, כמו שאר חלקי התפלה , דהכל מתחיל כבר משעה זו מאמירת ברכת השחר עיי"ש

8. עי' בזה בספר בית אהרן (עמוד ד), וכשיתחיל באיזה ענין לאמרו אל יפסיק עד גמר כולו. וגם בכל אמירת קרבנות וקטורת לא יפסיק עד אמירת כולם, **ויאמרם ביישוב ובמתון ולעיין בפירוש המילות כפי שכלו,** עיי"ש. ובספר תפלה לדוד להגה"ק מבוטשאטש זי"ע כתב, שטוב שלא להפסיק בין פרשיות כיור וכנו לכל סדר הקרבנות וסדר העבודה שאומרים עד אחר "איזהו", גם בנקיות קטנים, כי על הטלת מי רגליים היו צריכים קידוש ידים ורגלים במקדש.

9. כמבואר בביאור הלכה סימן פ"ח בשם ספר האשכול. ואף שנהגו לכתחילה להסיר דברים החוצצים, מכל מקום בהסרת ברעיסעס שהוא בתוך הפה – שהוא בית הסתרים – גם לכתחילה אין להקפיד; עיין שו"ת באר משה חלק ה' סימן כ', ובשו"ת מנחת יצחק, ועיין פסקי תשובות שם.

10. כמבואר ביורה דעה סימן ס"ו סעיף ו', שדם אדם אם פירש ממנו אסור משום מראית העין, שמא יאמרו דם בהמה ועוף הוא. ואם נשך כיכר וכדומה והוציאו מפיו ורוצה לאכלו עוד צריך לגרדו, אבל שבין השיניים מותר למוצצו. ולכתחילה יש להיזהר כשנתלכלכה אצבעו מדם ורוצה לנקותו, שאין להכניס אצבעו לפיו לנקותו ע"י רוקו אף שדעתו לפולטו, שמא לא יפלוט.



טויזנטער משפחות לערנען פאַר
הלכות שבת ביי סעודות שבת הלכה למעשה
**פאר גרעסערע באשטעלונגען**
פאר שבת התוועדות, שבת שבע ברכות, א.ד.ג.
~ גאר ספעציעלע הנחה נתנדב דורך א חשוב'ער נדבן ~
**רופט 845-659-1547**

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן **845-499-5084**
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

# בעולם המסחר

## היתר עיסקא (ד)

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידינו החתן
**מוה"ר יוסף שלמה**
**ברש"מ איילבוים הי"ו**
**לרגל שמחת נישואיו**
עב"ג הכלה בת
מוה"ר **אברהם יושע העשיל טויב** הי"ו

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני
חיי ומזוני רוויחי וכל ההשפעות טובות

## די אויסגעהאלטנקייט פון א "היתר עיסקא"

**שאלה: ווי איינער וואס איז עוסק אין דער "ריעל עסטעיט" אינדוסטריע, קומט מיר אויס אסאך צו דארפן בארגן געלט פון אנדערע כדי צו קענען אינוועסטירן, און אין דעם איז אריינגערעכנט אויך בארגן אויף היתר עיסקא. פון צייט צו צייט קען איך הערן פון מענטשן א באמערקונג, "איך פארבארג נישט אויף היתר עיסקא." צי איז דא א היתר עיסקא וואס מען קען זיך פארלאזן אויף דעם לכתחילה?**

**תשובה:** היתר עיסקא איז א היתר וואס ווערט באנוצט שוין הונדערטער יארן, און די גדולי הפוסקים האבן זיך פארלאזט אויף דעם להלכה למעשה, ווי מען זעט אין פילע תשובות אין די פוסקים.

מען דארף אבער וויסן, אז אין אסאך פעלער וועט דער היתר עיסקא נישט האבן קיין ריכטיגע ווערד אָן פארשידענע קולות, און אין אזעלכע מצבים איז שטארק כדאי זיך נישט צו פארלאזן דערויף.

דער "חפץ חיים" אין זיין ספר "אהבת חסד" (ח"ב סט"ו) שרייבט: "עס זענען דא פילע פשוט'ע אידן וואס פארבארגן געלט און זיי האבן נישט קיין שום ידיעה אין די הלכות פון אן עיסקא. עס קען זיך מאכן אז אזא איינער זאל קומען צו איינעם וואס וויל בארגן געלט און אים זאגן, 'נעם דאס געלט פון מיר פאר א פראצענט', און ער נעמט פון אים א לעגאלן שטר אויף דעם געלט און פארלאנגט בכלל נישט קיין שטר עיסקא. דאס איז אן איסור גמור, ווייל דער וואס פארבארגט דאס געלט ווייסט בכלל נישט וואס אן עיסקא מיינט, און אויך האט ער נישט באקומען קיין שטר עסקא. דעריבער מוז מען זען אז דער היתר זאל זיין אויסגעשטעלט לויט דער הלכה כדת וכדין, כדי זיך אויסצוהיטן פונעם שרעקליכן איסור פון ריבית, ה', און אויב נישט, וועט ער ח"ו פארלירן זיין גאנצע פארמעגן, אזוי ווי עס שטייט אין דער גמרא, און דאס איז אויסער דעם גרויסן עונש וואס דאס ברענגט מיט זיך, וואס רירט אפילו אן דעם ענין פון תחיית המתים."

דערפאר איז וויכטיג, ווען מען בארגט אויף א היתר עיסקא, זיך דורכצורעדן מיט א תלמיד חכם וואס איז א בקי אין די הלכות, כדי זיכער צו מאכן אז אלעס ווערט געטון אינגאנצן ריכטיג על-פי הלכה.

**מודעה משמחת!** דערמיט טוען מיר מעלדן אז פון היינט אן קענט איר
בעז"ה באקומען ביים מכון "הליכות החיים" אלע סארטן שטרות:

**שטרי מכירה, שטרי מתנה, שטרי שותפות, שטרי הלוואה,**
**שטרי היתר עיסקא, שטרי צוואות א.א.וו.**

די שטרות וועלן בעזר ה' צוגעשטעלט ווערן פאר אייך דורך מורי הוראה, מומחים וואס
זענען באהאוונט אין די חלקי הלכה פון די אומצאליגע שאלות וואס טרעפן זיך אין ענייני
ממונות, ווי אויך אינעם פראקטישן מציאות אין דער היינטיגער מסחר-וועלט

**צו באשטעלן סיי-וועלכן סארט שטר, צוגעפאסט ספעציעל פאר אייער באדערפעניש, רופט**
**אריין צום מכון "הליכות החיים" 845.276.3170 EXT. 5, אדער SHTAR@HALICHUS.COM**

געהויבענע אידן וואס מען איז זיי מחשיב אין הימל, דערפאר קומט אז מען זאל זיי אפגעבן כבוד.

### נאכ'ן לערנען דעם מאור עינים, איז דאך נישט שייך צו רעדן לשה"ר!

רבי הערשעלע פלעגט זיך קאכן אין די ווערטער פונעם "מאור עינים" אין פרשת טהרה, אז מיר זענען קינדער פון אויבערשטן און אויב מען רעדט לשון הרע אויף זיינס א קינד, אפילו אויפ'ן שוואכסטן איד, און אפילו אויב עס איז אמת וואס מען זאגט, איז מען מבטל דערמיט דעם תענוג פון אויבערשטן און מען איז גורם, חלילה, פאר אים אן עצבות, כביכול, און דערפאר קומט אויפ'ן מענטש א נגע.

איינמאל האט מען גערעדט פון דער וויכטיגקייט פון לערנען הלכות שמירת הלשון, האט רבי הערשעלע געזאגט: "אז מען לערנט אט-דעם 'מאור עינים' און מען געדענקט עס, איז דאך נישט שייך מער צו רעדן לשון הרע."

**הרה"ג ר' אלעזר ניסן רובין שליט"א האט דערציילט:** אמאל איז געקומען צו רבי הערשעלע א איד און האט זיך אויסגערעדט זיין שווער הארץ, אז זיין בחור פירט זיך ליידער נישט ווי עס דארף צו זיין. האט רבי הערשעלע געזאגט אז ער זאל זאגן פאר'ן זון אז ער וויל אז ער זאל קומען צו אים. דער בחור האט מסכים געווען און איז אריין צו רבי הערשעלע, און דערביי האט ער תיכף קלאר געשטעלט פאר'ן רבי'ן ווי עס האלט מיט אים. "רבי!" האט ער געזאגט, "אפילו קיין שבת היט איך נישט."

"וואס הייסט עס, דו היטסט נישט קיין שבת?" האט רבי הערשעלע געפרעגט.

"איך רייכער," האט דער בחור געענטפערט, "און אויף שבת קען איך מיך נישט איינהאלטן."

"וויפיל ציגארעטן רייכערסטו שבת?" האט רבי הערשעלע אים געפרעגט מיט א רואיגקייט. דער בחור האט זיך געמאכט א בערכ'דיג'ן חשבון און געענטפערט. "וויפיל צייט קומט אויס אז דו רייכערסט דורכ'ן שבת?" האט רבי הערשעלע ווייטער געפרעגט. דער בחור האט ווייטער געטראכט און געגעבן אן ענטפער.

"נו," האט רבי הערשעלע זיך צו אים אנגערופן, "לויט ווי דו זאגסט אליין, איז עס אינגאנצן ווייניגער ווי איין שעה דורכ'ן גאנצן שבת וואס דו קענסט זיך נישט גובר זיין און דו רייכערסט, אבער רוב פונעם שבת, ד.ה. מער ווי דריי-און-

### הפצת הגליון נתנדב

ע"י ידידינו הנדיב הנכבד
**מו"ה ר' יחיאל טויבענפעלד הי"ו**
לעילוי נשמת אמו האשה החשובה מופלגת במעשיה הטובים
מרת **שינדל גאלדא** בת הרה"ח ר' **מרדכי** ע"ה
ובנה **שמואל אליהו**
**יא"צ כ"ב אב**
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יהא לעילוי נשמתם וימליצו טוב בעדו ובעד כל המשפחה

### בעל-פה אדער בכתב

**שאלה: ווען מען מאכט א היתר עיסקא, מוז דאס זיין מיט א שטר בכתב, אדער מען קען סתם אפרעדן אז עס זאל צוגיין מיט היתר עיסקא?**

**תשובה:** אויב מען רעדט אפ בשעת מען נעמט דאס געלט אז עס זאל צוגיין אויף אן אופן פון היתר עיסקא, איז דאס הלכה'דיג מותר, בתנאי אז ביידע ווייסן וואס עס מיינט א היתר עיסקא. די פוסקים שרייבן אבער אז לכתחילה זאל מען אלעמאל שרייבן א היתר עיסקא, ווייל דעמאלט פארשטייען ביידע אז עס איז אן ערנסטער הסכם און נישט קיין שפיל ח"ו. (עיין צמח צדק סימן פח)

אויב מען האט נישט אפגערעדט בשעת'ן באקומען דאס געלט אז עס זאל צוגיין באופן פון היתר עיסקא, קען מען נישט שפעטער סתם אפמאכן אז פון יעצט און ווייטער זאל דאס גיין דורך היתר עיסקא, נאר מען זאל דאס מסדר זיין מיט א מורה הוראה באופן היתר.

## מכתבים למערכת

### "די שייכות פון די 'וימאן' ביי יעקב און די 'וימאן' ביי יוסף"

*לכבוד מכון הליכות החיים,*

עס איז געשטאנען אין גליון די מעשה מיט'ן חיד"א זצ"ל, ווי מען זעט אז אפילו ווען מען קען נישט העלפן א צווייטן, אבער אז מען האט מיטגעפיל מיט אים און מען ווייזט אים ארויס אז מען איז דא מיט אים און מען ווערט טון אלעס וואס מעגליך אים גרינגער צו מאכן, גיט דאס אים א כוח אויסצוהאלטן זיינע שוועריגקייטן.

איך וויל צולייגן מענין לענין, וואס דער "נתיבות שלום" ברענגט אין פרשת וישב. מיר לערנען אין דער פרשה וועגן יוסף הצדיק, ווי ער האט זיך געשטארקט אויף דעם נסיון, ווי דער פסוק זאגט "וימאן", יוסף האט נישט געוואלט עובר זיין. פון וואו האט טאקע יוסף גענומען די שטארקע כוחות דערצו? דאס איז געווען דורך אן אנדער "וימאן" וואס שטייט אין דער זעלבער פרשה - "וימאן יעקב להתנחם", יעקב אבינו האט נישט געוואלט אויפגעבן די האפענונג און זיך טרייסטן נאך יוסף הצדיק כאילו ער לעבט נישט מער, נאר אין הארצן איז ער די גאנצע צייט געווען מיט זיין זון יוסף. און אט דאס האט געגעבן פאר יוסף דעם כוח זיך צו שטארקן אויף זיינע נסיונות.

ווען איינער גייט אדורך שוועריגקייטן, אויב ער פילט אבער אז מען האט אויפגעגעבן אויף אים און עס גייט קיינעם מער נישט אן זיינע ליידן, האט ער נישט די כוחות זיך צו שטארקן. אבער אויב מען גיט אים דאס געפיל אז מען געפינט זיך מיט אים און מען טראכט פון אים, איז אפילו אויב מען קען אים נישט פראקטיש העלפן, גיט דאס אים אריין די כוחות צו קענען אנגיין און איבערקומען אלע שוועריגקייטן.

ידידכם, בנציון ברוך אדלער, שיכון סקווירא

צוואנציג שעה, האלטסטו זיך איין און ביסט נישט מחלל שבת. **איז ווי קענסטו זאגן אויף זיך אז דו ביסט בכלל נישט קיין שומר שבת?...**"

אויף אזא ענטפער האט דער בחור זיך נישט גערעכנט. ער האט געמיינט אז ער וועט זיך גרינגער מאכן און באלד אנטפלעקן פאר'ן רבי'ן וועה ער איז כדי ער זאל נישט האבן פון אים קיין ערווארטונגען, און דא האט דער רבי אים צעטומלט און אפגעענטפערט אז עס איז גארנישט אמת און וואס ער טראכט אויף זיך אז ער היט נישט קיין שבת.

ער איז ארויס פונעם רבי'ן אן אנדער מענטש **און איז שפעטער צוריקגעקומען צום גוטן וועג און האט אויפגעשטעלט אן ערליכע אידישע משפחה.**

מיר דארפן זיך אפלערנען פון אזא מעשה ווי אזוי זיך צו באנעמען מיט אזעלכע וואס מוטשען זיך מיט שווערע נסיונות רח"ל. אמאל איז עס נישט מער ווי א ווארט פון חיזוק, אן אנמערקונג אז ער איז נאכנישט פארקראכן אזוי ווייט ווי ער האט געמיינט. ווען מיר זעען דאס גוטס אין יעדן איינציגן איד, קענען מיר אים צוריקברענגען צום גוטן און מאכן א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן. כי לא ידח ממנו נדח.

•

**דער זכות פון לימוד הלכה און קיום מצוות**
**פון זעכציג טויזנט אידן בליעה"ר**
**איז אייער.**
**מנדב צו זיין דעם קומענדיגן "הליכות החיים" אדער א מדור אינעם גליון,**
**רופט: 845-659-1547**

•

**מיטצוטיילן מעשיות להנאת אלפי הקוראים,**
**ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך**
**אימעיל 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכ'ן**
**פעקס: 845-288-2040, אדער לאזט א מעסעדזש**
**אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
להערות והארות, ולכל החפצים להשיג גליון זה בתמידות, נא לפנות אלינו: טלפון: 845-276-3170 / פעקס: 845-288-2040 / אימייל: 4592885mhh@gmail.com,